**איבערזעצונג אויף אידיש**

1034

# מחאה נמרצה

בעזה"י, יום א' קרח תשס"א לפ"ק

כדי זיך אפצוטרייסלען פון די אומפארשעהמטע הוצאת לעז, וואס איז נתפרסם געווארן דורך די בני בליעל אין נאמען פון מורינו ורבינו, עמוד ההוראה, כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, זאגן מיר עדות, זיינע תלמידים, אז ס'איז אמת און ריכטיג דאס אז מרן שליט"א האט טאקע געהאלטן אין דעם ענין פון אויפשטעלן אן עירוב ארום א גאנצער געגענט, דארף מען האבן דערויף די הסכמה פון "רוב מנין ורוב בנין" פון די בעלי הוראה, ווי ער אליין האט דאס געשריבן אין זיין בריעוו פון יום ג' פ' חיי שרה תש"ם לפ"ק.

אבער גלייכצייטיג זענען מיר אויך "עדות" דערויף, אז בשעת ס'איז אנגעקומען צו מרן שליט"א די אלע בריעוון און חתימות פון די רבנים גאונים וואס האבן זיך צוגעשטעלט מתיר צו זיין דעם עירוב, האט זיך מרן שליט"א אוועקגעזעצט, זיי אנצוציילן און אפצושאצן, איינס ביי איינס, און ווען דער רב האט זיך איבערגעצייגט, אז "<u>רוב מנין ובנין" האבן זיך צוגעשטעלט צום עירוב</u>, האט מרן שליט"א ארויס געגעבן זיין אייגענעם בריעוו מיט זיין קלארן פסק דין ל"היתר" וואס ער האט אנגעשריבן.

זעלבסט פארשטענדליך, אז צו די ציילונג און אפשאצונג פון "רוב מנין ובנין", האט מרן שליט"א אריינגערעכנט <u>נאר</u> די וואס זענען "מורי הוראה" בישראל, וואס פסק'ענען שאלות פון איסור והיתר לרבים, און <u>נישט</u> קיין אנדערע.

אלץ כבוד פאר'ן גרויסן גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, האט מרן שליט"א ארויסגעשיקט עטליכע מורי הוראה'ס פון זיין בית דין, זאלן אונטערזוכן דעם מצב פון די היכע מחיצות ביים וואסער ארום ברוקלין, און דערנאך ווי ער איז געזיצן מיט זיי אויספארשן אלע פרטים, און געזען בילדער פון געוויסע שאלות'דיגע פלעצער, האט מרן שליט"א ארויס גיגעבן זיין פסק דין, אז ברוקלין האט שוין היינט <u>דריי אמת'דיגע מחיצות</u> על פי התורה. וואס אין דעם פאל, לויט זיין מיינונג, וועט אפילו הגאון רבי משה זצ"ל אויך געווען געהאלטן אז ברוקלין האט שוין מער נישט אויף זיך דעם אמאליגן חשש פון "רשות הרבים דאורייתא", נאר זי איז היינט מער נישט פון א "כרמלית" דרבנן, ווי אלע פוסקים האלטן אז ביי א כרמלית העלפט א "צורת הפתח" מתיר צו זיין דעם טלטול, אהן קיים שום פקפוק, אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אלע געהעריגע אידישע שטעט אויף דער וועלט, פון אייביג אהן.

פאלגענד ציטירן מיר דעם לשון פון מרן הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א וואס ער האט געשריבן פאריאהרן דעם זעקסטן טאג חנוכה וועגן דעם בארא פארקער עירוב, **"וואס איז געמאכט געווארן מיט אלע הלכה פאדערונגען, אויף אן אופן וואס איז נאך קיינמאל נישט געמאכט געווארן פריער. און ער שטייט אינטער גאר אן ערנסטע השגחה. אויף דעם אופן, איז עס איבערהויפט נישט קעגן דעם דעת קדשו פונעם סאטמאר רבי'ן זצוק"ל. און עס איז אויך נישט קיין סתירה קעגן די דעה פון די פריערדיגע רבנים זכרונם לברכה. ווייל אונזער שטאט איז ארום גענומען פון דריי מחיצות וואס זענען געהעריג געמאכט געווארן דורך בני אדם. דערפאר, מעגן אלע זיך רואיג פארלאזן צו טראגן אינעם עירוב"**. עד כאן לשון פסק דינו פון מרן הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א.

דערויף זענען מיר מוחה מיט א שטרענגע מחאה, קעגן די אלע פעלשעריין וואס די "בני עוולה" האבן מפרסם געווען אין זייערע פאשקעווילן, ובפרט אין נאמען פון מרן הגה"צ דער קארלסבורגער רב שליט"א, און אהך און וויי איז צו די אומפארשעהמטע פערזאהנען וואס פארשעהמען די הייליגע תורה.

## תלמידיו מבית תלמוד להוראה

# מחאה נמרצה

בעזה"י, יום א' קרח תשס"א לפ"ק.

כדי להסיר לזות שפתיים ועקשות פה, ע"ד מה שנתפרסם ע"י בני בליעל בשם מורינו ורבינו עמוד ההוראה כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א, הרינו בזה תלמידיו להעיד, כי אמת ונכון הדבר שמרן שליט"א סבר מאז ומתמיד דלענין תיקון עירוב על כל השכונה, ראוי שיהי' לכך הסכמת רוב מנין ובנין של בעלי ההוראה מרבני העיר, וכפי שכתב זאת במכתבו אור ליום ג' חיי שרה תש"ס לפ"ק.

אבל גם עדים אנו על כך, שכאשר הגיע ליד מרן הגה"צ שליט"א כל המכתבים והחתימות מהרבנים הגאונים שנצטרפו להיתר העירוב, ישב מרן שליט"א ומנה אותם אחד לאחד, וכשהגיע למסקנה שכבר יש "רוב מנין ובנין", אז נתן לפרסם מכתבו ע"ד היתר הטלטול המרווח.

מובן מאליו, שלמנין זה לא נכלל אצל מרן הגה"צ שליט"א רק מורי הוראה בישראל המשמשים בקודש כמו"צ בהוראות איסור והיתר, ולא זולתם.

ומפני כבודו של הגאון הג' בעל אג"מ זצ"ל, שלח מרן שליט"א כמה מורי הוראה מבית דינו לבדוק מצב ה"מחיצות" סביב ברוקלין, ולאחר שישב עמהם לברר כל פרט ופרט, ואף ראה תמונות ממקומות שהי' קצת צ"ע, פסק והורה מרן שליט"א שיש ג' מחיצות גמורות ע"פ התורה, ולדעתו, בכה"ג גם מוהר"ם פיינשטיין זצ"ל יודה דהיום כבר אין שום מקום לחשש של רה"ר דאורייתא בשכונת בארא פארק, שאינה אלא כרמלית דרבנן דכו"ע מודי דמהני צוה"פ להתיר הטלטול אף לכתחלה, כנהוג בכל עיירות המתוקנות בישראל מאז ומקדם.

וז"ל מכתבו מיום ו' דחנוכה תש"ס לפ"ק ע"ד העירוב פה בעירנו ב"פ יצ"ו, ש"הוא עשוי בכל דקדוקי ההלכה, באופן שעדיין לא נעשה פה, ועומד תחת פיקוח מעולה מורה הוראה מובהק וכו', בכגון דא, אין זה מנוגד כלל נגד דעת קדשו של מרן רבינו [מסאטמאר] זצוק"ל, וגם אין בזה סתירה כלל לדעת הרבנים הקודמים נוחי נפש ז"ל, כי עירנו מוקף עם ג' מחיצות העשויין בידי אדם, כדת וכהלכה, ובכן יכולין הכל לסמוך על היתר טלטולו". עכ"ל פסק דינו הברור של מרן הגה"צ שליט"א.

וע"כ אנו מוחים מחאה נמרצה על כל דברי שוא ושקר שמפרסמים בני עולה ובפרט בשם מרן הגה"צ שליט"א, ואוי להם לבריות מעלבונה של תורה.

## תלמידיו מבית תלמוד להוראה